## טרויער

**געווידמעט אונדזערע קדושים**

עס רוישן די ביימער בײַ נאַכט אַזוי טרויעריק
און קוקן צום הימל אַרויף, וועלכער האָט
אין זײַן האַרץ יעדן שטערן פֿאַרלאָשן און שלאָפֿט,
חלומט פֿון געשטאָרבענע קינדער...

עס לויפֿן די ווינטן בײַ נאַכט אַזוי טרויעריק,
רײַסן פֿאַר ווייטיק די טעלעגראַף-סלופּעס,
און ס׳ציטערט אין ראָג די בלייכע לאַמטערנע,
עס כאַפּט זיך דאָס טײַכל פֿון שלאָף אויף דערשראָקן,
עס קלאַפּן די דעכער בײַ נאַכט אַזוי טרויעריק,
איבער די קעפּ פֿון די הײַזער, ווי פֿליגל פֿון טויט.

— — —

עס שלאָפֿט-אײַן דאָס עכאָ אויף די עלנטע גאַסן,
פֿאַרגליווערטע גלאָצן דער מאַרק און דער קלויסטער,
נאָר ערגעץ דאָרט שטייט נאָך אַ מאַמע בײַם פֿענצטער
און ווינקט אין דער נאַכט איר געהרגעטן זון.

---

אילוסטרירטע וועלט נומ׳ 5 אויגוסט 7, וואַרשע, 1919.